בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת שמיני תשע"ז** | **גליון 405 [שנה ט']**

**פארוואס דוקא יעצט דארפן די אידן ברענגען א קרבן וועגן מכירת יוסף**

קְחוּ שְׂעִיר־עִזִּים לְחַטָּאת וְעֵגֶל וָכֶבֶשׂ בְּנֵי־שָׁנָה תְּמִימִם לְעֹלָה: (ט' ג') דער רמב"ן ברענגט פון פסיקתא אז די שְׂעִיר־עִזִּים איז געקומען מכפר זיין אויפן חטא פון מכירת יוסף און די עֵגֶל אויף חטא העגל. דארף מען פארשטיין די שייכות פון מכירת יוסף און חטא העגל וואס מען האט די זעלבע צייט געברענגט א קרבן מכפר זיין אויףביידן? נאר עס שטייט (בראשית נ יט – כ) אז יוסף האט געזאגט צו די ברידער "וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף אַל־תִּירָאוּ כִּי הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנִי. וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם עָלַי רָעָה אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה" זעט מען פון דעם לשון וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם, אז זייער חטא איז נאר געווען מיט מחשבה ווייל חז"ל זאגן ראוי היה יעקב לירד למצרים וכו', אז באמת וואלט יעקב סיי ווי געדארפט קומען קיין מצרים, קומט אויס אז די ברידער האבן נאר געזינדיגט במחשבה. איז מסביר דער דובנא מגיד אין ספר (אהל יעקב פ' וישב) אז יוסף האט דא געזאגט די ברידער זיי האבן נישט וואס צו מורא האבן פון א עונש ווייל די חטא איז נאר געווען מיט מחשבה און באמת מצד מדת הדין וואלט געווען א עונש אויף מחשבה אליין אבער עס שטייט אז דער אויבערשטער האט מצרף געווען מדת הרחמים צו די מדת הדין כדי די וועלט זאל האבן א קיום, און דאס האט יוסף געזאגט הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנִי און אֱלֹקִים איז מדת הדין עכ"ד. און דאס וואס שטייט מחשבה טובה איז דער אויבערשטער מצרף צו א מעשה, דאס איז ביי א מצוה, אויב מען האט מחשבה צו טאן א מצוה און טוט נישט און אמאל טוט מען א מצוה אן מחשבה איז דער אויבערשטער מצרף און ווערט א מצוה בשלימות. יעצט מכירת יוסף איז געווען א עבירה נאר במחשבה און ביי חטא העגל איז געווען א עבירה מיט א מעשה אבער נישט קיין שלעכטע מחשבה ווי אלע מפרשים זאגן אז זיי האבן געמיינט לשם שמים, האט יעצט דער אויבערשטער געוואלט אזביידע עבירות זאלן יעצט ווערן צוזאמען איין גאנצע עבירה מצד מדת הדין און די ביידע קרבנות זאל אינגאנצן זיין א כפרה אויף סיי די מכירה און סיי די עגל. (אבן שלמה הגאון משמלויא)

**די שייכות מכירת יוסף מיט חטא העגל**

קְחוּ שְׂעִיר־עִזִּים לְחַטָּאת וְעֵגֶל וָכֶבֶשׂ בְּנֵי־שָׁנָה תְּמִימִם לְעֹלָה: (ט' ג') דער רמב"ן ברענגט פון פסיקתא אז דער שעיר איז געקומען מכפר זיין אויפן חטא פון מכירת יוסף און די עגל אויף חטא העגל. דארף מען פארשטיין די שייכות פון מכירת יוסף און חטא העגל וואס מען האט די זעלבע צייט געברענגט א קרבן מכפר זיין אויף ביידן? נאר מען קען ענטפערן אז די ברידער האבן געזאגט המלוך תמלוך עלינו זיי האבן מקנא געווען אז יוסף איז א מושל אויף זיי און זיי האבן געזאגט זיי ווילן נישט האבן א מושל אויף זיי, אבער ווען עס איז געקומען צו די עגל האבן די אידן דוקא יא געזוכט א מנהיג אפילו א שור אזוי ווי עס שטייט (תהלים קו כ) וַיָּמִירוּ אֶת כְּבוֹדָם בְּתַבְנִית שׁוֹר אֹכֵל עֵשֶׂב קומט אויס זיי האבן אומזיסט פיינט געהאט יוסף דעריבער האבן די אידן געדארפט ברענגען צוויי כפרות איינס אויפן עגל און וואס דאס האט אויף געפרישט די חטא פון מכירת יוסף. (תפוחי חיים – פאנעט קארלסבורג)

**פארוואס ביי חטאת שטייט ויקריבו און ביי עולה שטייט וימצאו?**

וַיִּשְׁחַט אֶת־הָעֹלָה וַיַּמְצִאוּ בְּנֵי אַהֲרֹן אֵלָיו אֶת־הַדָּם וַיִּזְרְקֵהוּ עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב: (ט יב) פרעגט דער הייליגער מאור ושמש פארוואס פריערט (פסוק ט) ביי חטאת שטייט "וַיַּקְרִבוּ" בְּנֵי אַהֲרֹן אֶת־הַדָּם אֵלָיו ואון דא ביי קרבן עולה שטייט "וַיַּמְצִאוּ" בְּנֵי אַהֲרֹן אֵלָיו אֶת־הַדָּם? עיי"ש דבריו הק', מען וואלט געקענט ענטפערן לויט וואס דער אוה"ח הק' (אויפן ב) איז מסביר אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ (ויקרא כו ג) לויט וואס דער מדרש (ויק"ר לה א) זאגט אויפן פסוק (תהלים קיט נט) חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל־עֵדֹתֶיךָ אז דוד המלך האט געטראכט גיין טאן זיינע באדערפענישן און זיינע פיס האבן אים געפירט צום בית המדרש ווייל זיי זענען געווען געוואוינט דארטן צו גיין און דאס מיינט אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, אייער הליכה זאל זיין איינגעוואוינט צו גיין נאר טאן מצוות און גיין לערנען תורה ע"כ. יעצט מציאה מיינט מען טרעפט א זאך נישט טראכטענדיג און אן א שווערקייט, קען מען זאגן אז פריערט ביי חטאת האט געדארפט זיין "וַיַּקְרִבוּ" וכן זיי האבן געמוזט ארבעטן צו טאן די מצוה פון זריקת הדם אבער נאכדעם וואס זיי האבן געהארעוועט איז דאס שוין געווארן א געוואוינהייט אז זייער פיס זענען אליין געגאנגען טאן די מצוה פון זריקת הדם, דעריבער שטייט "וַיַּמְצִאוּ" אזוי ווי ביי א מציאה עס איז געקומען פון זיך אליין. (אבן שלמה הגאון משמלויא)

**די גרויסקייט דער שווייגן פון אהרן!**

וַיִּדֹּם אַהֲרֹן: (י' ג') שטייט דא אז אהרן האט געשוויגן, דאס מיינט ער האט געהאט וואס צו זאגן און האט דאס נישט געזאגט. פרעגט די מדרש אויפן פסוק "מַה הָיָה יָכוֹל לוֹמַר? און ענטפערט, ער וואלט געקענט זאגן נאך מיתת נָדָב וַאֲבִיהוּא, וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ" (ויקרא יב ג) ע"כ. לכאורה איז דאס א מדרש פליאה: וואס איז די שייכות פון מיתת נדב ואביהוא צו וביום השמיני ימול? נאר מיר טרעפן אין זוהר הק' אז נאכדעם וואס מען מאכט א ברית מילה אויף א איד ווערט די סטרא אחרא צושניטן אזוי ווי מען האט געשניטן די ערלה, און ער קען שוין נישט מקטרג זיין אויף דעם מענטש ע"כ. זעט מען אז די מצות מילה איז מציל א מענטש פון מקטריגים אז זיי קענען נישט שולט זיין אויף אים. דאס קען זיין פשט אין מדרש: נאכדעם וואס אהרן האט געזען וואס עס איז געשען צו נָדָב וַאֲבִיהוּא און דאס איז געווען א קיטרוג אויף זיי האט ער דאך געקענט טענה'ן א שטארקע טענה פון "וביום השמיני" אז די מצות מילה וואלט געדארפט מֵגִין זיין אוף זיי, אז זיי זאלן נישט שטארבן, אבער ניין! וַיִּדֹּם אַהֲרֹן, ער האט געשוויגן און נישט געהאט קיין שום טענה אדער קשיא. (בית ישראל השלם, מוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**יישוב הדעת איז דער סוד פון א גליקליכע לעבן**

וַיִּדֹּם אַהֲרֹן: (י' ג') הרה"ק ר' משה מקאברין שרייבט אין ספר אמרות טהורות ערך יישוב הדעת וז"ל כל הוֹן דְעַלְמָא לֹא יִשְׁווּ לשעה אחת שאיש ישראל עומד יִישׁוּב הדעת. האבן יִישּׁוּב הַדַּעַת איז די בעסטע מיטל דורכגיין דעם וועלט. דער הייליגער חפץ חיים האט געטייטשט דעם פיוט פון הושענא אֲדָמָה מֵאֶרֶר וואס שטייט הוֹשַׁעְנָא נֶפֶשׁ מִבֶּהָלָה, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אז דער נפש אונזערע זאל נישט ווערן צוטומולט נאר מיר זאלן שטענדיג האבן יישוב הדעת, און זיין איידעם האט געזאגט אז דאס האט אים באגלייט זיין גאנצע לעבן אין די שווערסטע מצבים, און דאס איז געווען זיין גרעסטע גדלות. דאס איז געווען די מדה פון וַיִּדֹּם אַהֲרֹן. צו זיין רוהיג מיט יישוב הדעת אין דעם שווערע מצב און ער האט דאס ארייגעפלאנצט אין כלל ישראל לדורות. (שמח זבולון תשע"ז)

# הילולא השבוע

## רבינו יוסף הלוי אבן מיגאש דער מחבר פון חידושי ושו"ת הר"י מיגאש ל' ניסן ד' אלפים תתק"א

רבינו יוסף הלוי אבן מיגאש איז געבוירן געווארן שנת ד' אלפים תתל"ז, למספרם 1077, צו זיין הייליגן טאטן ר' מאיר הלוי וואס איז אויך געווען זיין רבי. און אויך האט ער געלערנט ביי רבי יצחק בן רבי ברוך אִבְּן אַלְבַּלְיָה, -ער איז געווען דער רבי פון ר' אברהם בן דוד דער ראב"ד אויפן רמב"ם און נאך- ווען ער איז געווארן 12 יאר אלט איז ער געווארן א תלמיד פון רבי יצחק אלפסי דער הייליגער רי"ף, וואס איז דעמאלטס געקומען פון צפון אפריקה און געעפנט זיין ישיבה אין שטאט אַלִיסְנָה. במשך פון 14 יאר איז ער געווען א תלמיד מובהק פון דעם רי"ף וואס האט אים געגעבן סמיכה להוראה און אים שטארק משבח געווען. מיט אים האט געלערנט אין ישיבה רבי יהודה הלוי - מחבר ספר הכוזרי און אויך א פיוטן געדרוקט אין ספר כל שירי ר' יהודה הלוי- און רבי ברוך בן רבי יצחק הנ"ל זיין רבי. ווען דער הייליגער רי"ף איז נסתלק געווארן שנת ד"א תתס"ג 1103, איז דער ר"י מיגאש געווארן ראש ישיבה זייענדיג אלט 25 יאר, און האט דאס ממשיך געווען 38 יאר ביז זיין הסתלקות ל' ניסן ד"א תתק"א. דער רי"ף שרייבט אין זיין הסכמה: וז"ל, שאפילו בדורו של משה לא נמצא כמוהו "חכם ונבון". כי משה אמר: "הבו לכם אנשים חכמים ונבונים", אך לא נמצאו כאלו, אלא כתוב אח"כ: "ואקח את ראשי שבטיכם אנשים חכמים וידועים", ולא היו גם נבונים. בניגוד לר' יוסף אבן מיגאש שהיה גם חכם וגם נבון. דער רי"ף איז מפליא זיין תלמיד אז ער האט געהאט ביידע מדריגות פון חכמה און בינה. דער ראב"ד שרייבט אין זיין הסכמה, אז ר' יוסף אבן מיגאש איז געווען "תורתו אומנותו", און דער רמב"ם שרייבט אין זיין הקדמה למשניות: "חי ה' שתבונתו של האיש הזה בתלמוד מפליאה כל מי שמתבונן בדבריו ועומק עיונו, עד שיכול אני לומר עליו: לפניו לא היה מלך כמוהו בשיטתו" נאך שרייבט דער רמב"ם: "לב האיש ההוא בתלמוד מַבְעִית למי שיסתכל בדבריו ועומק שִׂכְלוֹ בעיון עד אשר כמעט נאמר בו "וכמוהו לא היה לפניו מלך". אויך שרייבט רבי מנחם דער בעל המאירי אויף ש"ס, הר"י מיגאש חיבר פירוש לכל התלמוד עם פסקי הלכה, וידוע לנו כי חיבר חידושים על חצי מהתלמוד לפחות, וכן על כך שחיבר ספר "השגות" (ויכוחים הלכתיים) על ספרו של רבו - הרי"ף. עכ"ל, פון די אלע הסכמות פון אונזערע הייליגע ראשונים, דער רמב"ם, דער ראב"ד, דער מאירי און דער רי"ף, באקומט מען א שטארקן ליכט צו אנדעקן פאר די לומדי תורה, א ספר וואס איז זייער נוצבאר סיי אויף מס' בבא בתרא און מס' שבועות -וואס איז א ענין צו לערנען דעם מס' אין די ימי הספירה- אלץ א שיינע מפרש. וואס מיר האבן היינט ספרים פון אים איז ספר "שו"ת הר"י מיגאש" מער פון 200 תשובות להלכה. און זיינע חידושים אין ספרי "חידושי הר"י מיגאש" על מס' בבא בתרא ומס' שבועות. אסאך פון זיינע חידושים זענען דא אין ספר שיטה מקובצת פון הרב בצלאל אשכנזי וואס ברענגט אים בשם "הרא"ם הלוי" און דער בעל שיטה מקובצת זאגט: אז דער ר"י מיגאש איז געווען דער רבי פון רמב"ם, אבער למעשה איז דאס שווער צו זאגן ווייל דער רמב"ם איז אלט געווען 6 יאר ווען דער ר"י מיגאש איז נסתלק געווארן, און בפשטות איז די כוונה אויף ר' מיימון הדיין דער טאטע פון דעם רמב"ם. אויך אין שו"ת פון רמב"ם "פְּאֵר הַדּוֹר", און אין חידושי הרמב"ן, חידושי הרשב"א און חידושי הריטב"א זענען אויך דא זיינע חידושים. אין שנת תשנ"ה איז געדרוקט געווארן זיינע חידושים אויף מס' כתובות. מען זאל לערנען זיינע הייליגע חידושים און דער זכות פון דעם גרויסן גאון וועט מגין זיין אויף אונז אמן.

### דעם שבת הויבט זיך אן דער לימוד אין פרקי אבות

היות אז עס האט זיך יעצט געענדיגט דאס יו"ט פסח און דעם הויפ-פונקט פון פסח איז די הגדה פון ליל הסדר. עס איז דא מער פון צווי טויזנט הגדות און יעדער יאר קומט ארויס נייע הגדות הן אין פשט הן אין דרוש און אויך אין סוד מיט אלע כוונות האריז"ל און רש"ש, דאס זעלבע איז די קשר צו פרקי אבות וואס הויבט זיך אן גלייך נאך פסח, וואס עס איז דא כמעט אזוי פיל ספרים אויף דעם ווי אויף די הגדה, עס איז דא איין זייער א אינטערעסאנטע ספר אויף פרקי אבות "דורש לפרקים" וואס איז געדרוקט געווארן שנת תרמ"ט אין קראקא דורך המגיד מישרים פון קראקא הר' מרדכי רובינשטיין פון זאלקאווא ז"ל. ער האט זוכה געווען צו די הסכמות פון הגאון ר' שמעון סופר אב"ד קראקא דער זון פון הייליגן חת"ם סופר. און פון הרה"ק ר' הילל קאלאמייא, וואס האט כמעט נישט געגעבן הסכמות האט דא יא געשריבן טייערע ווערטער אויפן מחבר און זיין ספר: ושמעתי וראיתי בספרו כי חננו ד' בחיך מתוק ובכחו בנועם אמריו להמשיך לבבות ישראל ליראת ה'. און פון הגה"ק ר' יוסף שאול נאטענזון דער שואל ומשיב און פון רבינו שלמה גאנצפריד דער בעל קיצור שולחן ערוך. ר' יצחק שמעלקיש און נאך. דעם ספר האט מען איבערגעדרוקט אין שנת תשל"ב און צוגעלייגט א תולדות המחבר און אויך א קונטרס נחלת אבות וואס דארטן איז דא א רשימה פון אלע ספרים וואס זענען געדרוקט אויף פרקי אבות. דער ספר קען מען באקומען אין עולם הספרים און אויך נאך אסאך שיינע ספרים אויף פרקי אבות. דער מחבר מיט זיין גאונות איז מקשר די ערשטער פרק וואס אלע תנאים ברענגען דריי זאכן וואס איז חשוב זיי צו טאן און איז מחדש אז דאס איז אלע א שטארקונג און א קשר און המשך צו די ערשטע משנה: (פ"א, משנה ב) שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק הָיָה מִשְּׁיָרֵי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה. הוּא הָיָה אוֹמֵר, עַל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם עוֹמֵד, עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה וְעַל גְּמִילוּת חֲסָדִים: עיי"ש


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן זווג עם וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנוטבא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $1800, $3000 סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהארנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחין ועוד $2000,*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת מיר ווינטשן אונזערע לייענער'ס א געזונטן זומער

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We will pick them up for free.**